# קרית ברסלב

ביוהל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת ויגש, ז טבת תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון י"ד


**זמנים**
(Connecticut)
הדלקת הנרות......4:19
מוצאי שבת קודש......5:50

## א מעשה פון תפלה

### די גאנצע שטעטל

מאנטאג איז געווען א שווערע וועטער פון רעגן און שניי אין די געגענט פון די שטעטל וואס דאס האט פאראורזאכט א בלעקאוט אינעם שטעטל און די גאנצע געגענט ארום, אונז אלע האבן זיך געגומען בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל צוריק קומען די לעקטער בפרט אז מען האט א שטוב מיט קינדער און עס הייבט אן ווערן קאלט ווען מען האט נישט קיין הייצונג, ווי אויך איז נישט געווען קיין עלעקטעריק אין שול וואס דאס מאכט שווער צו קענען פארלערנען דעם דף גמרא ביינאכט און דאווענען מנחה מעריב, און שכח אייבערשטער אז מען האט געקענט אינסטאלן א זשענעריטער ביי די שול נאך פאר'ן פארלערנען די דף גמרא, און שפעטער ביינאכט איז אויך ברוך השם צוריק געקומען די עלעקטער פאר די גאנצע שטעטל.

### יצחק אהרן וויינבערג

אזוי ווי מיינע קינדער ברעכן יעדע מאל ווען זיי פארן א לאנגע וועג און איך האב געדארפט פארן מיט זיי א לענגערע וועג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן נישט ברעכן דעם גאנצן וועג, און ברוך השם זיי האבן גארנישט געבראכן די גאנצע וועג.

### יעקב משה אינדארסקי

די לעצטע פאר מאל ווען די ראש ישיבה איז געקומען באזיכן די שטעטל איז ער געקומען אין די צופרי שעות, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די נעקסטע מאל וואס די ראש ישיבה קומט זאל ער קומען ביינאכט, ווייל איך בין נישט אין שטעטל אין די צופרי שעות, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז דינסטאג ביינאכט איז די ראש ישיבה אונז געקומען באזוכן און געגעבן גאר א שיינע התחזקות שיעור.

## נייעס אין שטעטל

### הערליכע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א

דינסטאג אויפדערנאכט האט מען געהאט די זכיה אז די ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אין שטעטל געבן א שיעור, די ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אינמיטן די דף גמרא שיעור פון הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א ווי ער האט מורא'דיג הנאה געהאט צו זעהן וויאזוי אלע אינגעלייט זיצן ביים שיעור און לערנען דעם דף יעדן אויפדערנאכט, ווי ער האט זיך אנגערופן מיט גרויס התרגשות "איך האב זייער שטארק געבענקט נאך ענק". די ראש ישיבה האט ממשיך געווען פארלערנען דעם דף גמרא, און דערנאך אויסגעשמועסט וואס מען קען ארויס נעמן עצות און התחזקות פון די גמרא, ווי די גמרא שמועסט אויס אז אויב מען וויל האבן פרנסה - קינדער זאל מען בעטן דעם אייבערשטן און אזוי וועט מען עס באקומען, ווי אויך שמועסט די גמרא אויס וויאזוי מען דארף זיך אפגעבן מיט א ווייב צו זעהן אז זי זאל באקומען אירע געברויכן וואס זי דארף און נישט נאר קוקן אויף זיך.

די ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט ווי ער הערט זייער גוטע גריסן אז די אינגעלייט פון שטעטל זענען אנגעפולט מיט אמונת חכמים זייער גאנצע לעבן איז מיט'ן רבי'ן און אזוי אויך די קינדער לעבן מיט'ן רבי'ן און די מלמדים לייגן אריין א געשמאק אין די מצוות, ווי א אינגערמאן פארציילט אים אז זיין קינד זאגט אים זאת חנוכה אז ער גייט וויינען ביי די לעכט אז די חנוכה זאל נישט אוועק גיין ווייל ער האט זייער ליב די הייליגע מצוה פון צינדן די חנוכה לעכט.

מען האט ארום גערעדט די גרויסקייט פון דעם אז א גאנצע שטעטל לערנט יעדן טאג דעם דף גמרא און יעצט וועלן אלע אינגעלייט אנהייבן פונדאסניי לערנען די דף גמרא צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל.

**מודעה**

מיר ווילן מודיע זיין פאר אלע אנשי שלימינו אז מאנטאג אויפדערנאכט נאכ'ן שיעור פון די דף גמרא וועט פארקומען די סעודת הילולא פון הייליג'ן רבי נתן זי"ע אין בית המדרש פון די שטעטל

ת.נ.צ.ב.ה

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ ויגש, ה׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האסט ארויסגענומען "קראון פלאזא האטעל" פאר קומענדיגן יאר אויף שבת פרשת ויגש ה׳תש״פ הבא עלינו לטובה, וואו מיר וועלן פראווען א **"שבת התוועדות" פאר אלע תלמידי הישיבה צוזאמען מיטן "סיום הש״ס"**, צו מחזק זיין אלע תלמידי היכל הקודש - בחורים און אינגעלייט זיך צו פרייען אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן דורך מוהרא״ש וואס איז אונז מחזק צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא.

עס גייט מיר אין לעבן אריינצוברענגען אין אלע תלמידי הישיבה אז אלע זאלן וויסן אז מען דארף לערנען יעדן טאג לכל הפחות איין בלאט גמרא; ווייל **א מענטש אן תורה איז א טויטער מענטש**, אן תורה איז מען א גרויס רחמנות.

הייינט אז מיר האבן דעם "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן דורך וואס יעדער איד קען לערנען אפילו מען פארשטייט נישט, איז דאך מעגליך פאר יעדן איינעם צו לערנען; נישט קיין חילוק צי מען האט א גוטע קאפ אדער א שוואכע, יונג אדער אלט, ארעם אדער רייך.

איך וויל אז אלע אינגעלייט און בחורים זאלן קומען צו דעם שבת, אזוי וועלן אלע אנהייבן א׳ ויחי ה׳תש״פ צו לערנען אינאיינעם מסכת ברכות לויטן סדר פון ש״ס כסדרן.

זיי מודיע פון דעם שבת פאר אלע תלמידים - סיי וואס לערנען נאך אין ישיבה, פאר די וואס קומען נאך צו די שיעורים און פאר די וואס זענען שוין ארויס פון ישיבה; דו ביסט דאך געווען פון די עשרה ראשונים ווען מיר האבן געעפנט די ישיבה ווייסטו דאך אלע נעמען וכו׳.

איך וויל דיר בעטן דו זאלסט פרובירן זען ביי די עירליין אויב זיי געבן צוריק געלט פאר אלע פאסאנזשירן וואס האבן געהאט די דילע״י און האבן טרעוועל אינשורענס; אזוי וועל איך קענען שנעלער באצאלן דעם חוב וואס איך קום דיר פאר די טיקעטס.

שטארק דיר טייערע ... נרו יאיר אין תפילה והתבודדות; וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן, ווייל תפילה איז שטערקער פון אלעס. אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אויפן מאמר חז״ל (ויקרא רבה י, ה): "תְּפִלָּה עוֹשָׂה מֶחֱצָה" אז דער פשט איז אז "תפלה העלפט", ווייל 'מֶחֱצָה' אויף אידיש איז טייטש 'העלפט'.

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר ליב.

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ראה, כ״ה מנחם-אב, שנת תשע״ט לפרט קטן

מרת ... תחי׳.

שטארק זיך מיט אלע דיינע כחות צו זיין פריילך; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין פריילך; אלע ווייטאגן גייען אוועק ווען מען איז פריילך.

**זיי מחזק דיין מאן נרו יאיר ער זאל גיין צום שיעור יעדע אויפדערנאכט**; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון לערנען א דף גמרא יעדן טאג. פרויען זענען פטור פון לימוד התורה, אבער אינעם זכות וואס זיי שיקן די מענער לערנען און זיי טוען זיי אפווארטן - דורכדעם זענען די פרויען זוכה צו באקומען עולם הבא, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות יז.): "אֲמַר לֵיהּ רַב לְרַבִּי חִיָּא: נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אויף וואס פאר א גוטע מעשים באקומען די פרויען שכר, זיי האבן דאך נישט די מצוה פון לערנען די הייליגע תורה? האט אים רבי חייא געענטפערט: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", פארן שיקן די קינדער אין חדר לערנען תורה, און פאר'ן אפווארטן די מענער ביים אהיים קומען פון כולל וואו זיי לערנען תורה.

איך האב גרויס נחת פון ענק; דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות און איר זאלט זיין א לעבעדיגע ביישפיל פאר אלע משפחות אין שטעטל ווי אזוי תלמידי היכל הקודש דארפן זיך פירן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.


iSecure
For all your low voltage technology needs.



Motty Heimlich

Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com